בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן


# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון י"ח

פרשת חקת ובלק (ובאר"י בלק)
תשפ"ג


## שִׁיעוּרִים אִין חִנּוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי אַרְבֶּעט

אִיךְ וִויל מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן הֲנָאָה פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט. עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס אַ מְלַמֵּד הָאט הֲנָאָה פוּן זַיין אַרְבֶּעט, נָאכְדֶעם אִיז דָא טֶעג וָואס עֶר זָאגְט: "**אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יוֹצֵא גֶעוֶוען, אִיךְ פָּאר אַוֶועק אוֹיף וָואקַאצְיֶע**", - דָאס אִיז מִיט רֶעכְט, וַוייל אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִיז אַ בִּיטֶער שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַ גֶעפִיל אִין דֶעם, אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶס אִיז גְרִינְגֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף וָואקַאצְיֶע, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעכַאפְּט; נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף עֶס נָאכְמַאכְן, נָאר אִיךְ זֶע פוּן דֶעם אַז עֶר הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן זַיין אַרְבֶּעט, וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט הֲנָאָה פוּן אַן אַרְבֶּעט מוּז מֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן. דָאס בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל דִי בֶּעסְטֶע מְלַמְּדִים אוּן דִי בֶּעסְטֶע לֶערֶערִינְס, וָואס הָאבְּן הֲנָאָה פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט; זֵיי זָאלְן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה**".

### אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

יֶעצְט וִויל אִיךְ בֶּעטְן פוּן דִי לֶערֶערִינְס; רַאטֶעוֶועט!! אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שְׁטֶעטְל, [וֶוער עֶס קֶען אַבִּיסְל נוּמֶערְן קֶען עֶס אַלֵיינְס אוֹיסְרֶעכֶענֶען, אִין אַפָּאר יָאר וֶועט דָא זַיין הוּנְדֶערְטֶער הוּנְדֶערְטֶער מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אֲפִילוּ עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען נֵייעֶ מִשְׁפָּחוֹת, מֶען דַארְף שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן דִירוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער], אוֹיבּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֶועלְן וִוילְן נָאכְמַאכְן דִי גוֹיִם, דִי פְרוֹיעֶן וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן שֶׁערְן דִי הָאר, וַוייבֶּער וֶועלְן זִיךְ אָנְהֵייבְּן שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, אוּן דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט וֶועט צוּגֵיין מִיט אַ פֶּרֶעשׁוּר, "**מֶען טָאר נִישְׁט דָאס**" אוּן "**מֶען טָאר נִישְׁט יֶענְץ**", לוֹינְט זִיךְ דֶען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ קְהִלָּה פַאר דֶעם?! דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אַז זֵיי זָאלְן 'וֶועלְן' גֵיין אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג.

### אֶפְשָׁר שֶׁערְסְטוּ זִיךְ אָפּ דַיין נָאז?!

אִיךְ בַּאקוּם אַזוֹיפִיל בְּרִיוְון פוּן פְרוֹיעֶן וֶועגְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען בְּרִיוְון וֶועגְן אָפְּשֶׁערְן, אִיךְ עֶנְטְפֶער יֶעדֶע וָואךְ נָאר אֵיין בְּרִיוו וֶועגְן דֶעם נוֹשֵׂא, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְפִילְן דִי גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" מִיט בְּרִיוְון וֶועגְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן. פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר מֶענְטְשְׁן? וַוייל אוֹיבּ בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט דָאס זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַלְס חִנּוּךְ, יוּנְגֶערְהֵייט, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ.

מֶען קֶען נִישְׁט צוּגֵיין צוּ אַ וַוייבְּל נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיר זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל: "**דָא הָאסְטוּ אַ שֶׁער מַאֲשִׁין, שֶׁער זִיךְ אָפּ...**" דָאס דַארְף מֶען שׁוֹין הֶערְן יוּנְגֶערְהֵייט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַאמֶע וָואס הָאט גֶעוָואלְט אִירֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע טֶעכְטֶער זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, הָאט זִי אֵיין יָאר חֲנוּכָּה בַּיי דִי 'חֲנוּכָּה מְסִבָּה' גֶעקוֹיפְט שֶׁער מַאשִׁינֶען פַאר אַלֶע טֶעכְטֶער אַלְס מַתָּנָה, וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן? זֵיי הָאבְּן עֶס אִיבֶּער גֶעלָאזְט בַּיי דִי מְסִבָּה אוּן זֶענֶען זִיךְ אַהֵיים... קֶענְסְט הַאלְטְן אַלֶע שֶׁער מַאשִׁינֶען בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים, וָואס וִוילְסְטוּ פוּן אוּנְז? אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ צוּ דֶעם, קוּקְט מֶען עֶס אָן אַזוֹי וִוי 'אֶפְשָׁר שֶׁערְסְטוּ זִיךְ אָפּ דַיין נָאז?!'...

## • אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ

### פַארְקְנִיפְּט, צֶעפְלוֹיגְן אוּן עֶס קְרִיכְט לֵייז

אָבֶּער אַז מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט דֶעם, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי וָואס אַ אִיד אִיז, אוּן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען גֵייט אָפְּגֶעשׁוֹירְן, אוּן מֶען מַאכְט חוֹזֶק: "**וָואס וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן פוּן דִי לֵייז...**" וִוילְן דִי קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע וִוילְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר מֶעג אֵיינְדְרֵייעֶן זַיין בָּארְד, וַוייל עֶס נֶעמְט אִים יֶעדְן טָאג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה עֶס צוּ מְסַדֵּר זַיין... זָאג אִיךְ אִים: "**מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וִוי אַזוֹי דוּ גֵייסְט, פְרֶעג דַיין וַוייבּ צִי זִי אִיז מַסְכִּים, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס וֶוענְדְט זִיךְ אִין עֶנְק**", קֶען מֶען זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידוֹת: "**שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אַ מַאמֶע מִיט הָאר, זִי וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען יֶעדְן טָאג אַ לַאנְגֶע צַייט עֶס צוּ מְסַדֵּר זַיין, עֶס וֶוערְט פַארְקְנִיפְּט, צֶעפְלוֹיגְן אוּן עֶס קְרִיכְט לֵייז אוֹיף דֶעם...**"

דֶער עִיקָר פוּן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן אִיז צוּ גֵיין אָפְּגֶעשׁוֹירְן; וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ, מִיט אַ טִיכְל אָדֶער שֵׁייטְל, דָאס רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קִינְדֶער.

### אִיךְ הָאבּ 'גֶעזֶען' דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ!

לֵייגְט עֶס אַרַיין מִיט חָכְמָה אִין דִי קִינְדֶער, זָאגְט זֵיי: "**אַז מֶען פָאלְגְט צַדִּיקִים הָאט מֶען גוּטֶע דוֹרוֹת!**" אַ וַוייבְּל פוּן דִי קְהִלָּה וָואס אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית פֵיגָא אַפָּאר יָאר פַאר אִיר חֲתוּנָה, הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה 'זָאגְט' וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכה:) זָאגְט וֶועגְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אִיךְ הָאבּ 'גֶעזֶען' דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ; מַיין מַאמֶע פְלֶעגְט זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע שְׁטוּבּ, פְּלוּצְלִינְג אִיז אַרַיין אִין אִיר קָאפּ אַ רוּחַ שְׁטוּת, מַיין מַאמֶע אִיז גֶעוָוארְן פַארְכַאפְּט צוּ דִי לִינְקֶע וֶועלְט, אַז 'קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן', זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר, [בִּפְרַט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוּמְזִיכֶער מִיט זִיךְ, זוּכְט מִיט וָואס זִיךְ צוּ פַארְזִיכֶערְן, כַאפְּט זִי זִיךְ

# הַמְשֵׁךְ שִׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ״ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע״א

**• אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ**

אָן אִין דִי הָאר, 'אִיךְ הָאבּ מַיינֶע הָאר'...] אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז צֶעפַאלְן, עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קֵיין שָׂרִיד וּפָלִיט פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ".

זִי זָאגְט: אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזַאמְשְׁטֶעלְן וָואס הָאט פְּלוּצְלִינְג פַּאסִירְט מִיט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אָבֶּער יֶעצְט אַז אִיךְ הֶער פוּן דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין.

אַ קִינְד וָואס אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער, דַארְף מֶען שׁוֹין וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט אִיר, אָבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שׁוֹין דָא בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע פוּן דִי דְרֵיי יָאר, אִיז זֵייעֶר גְרִינְג דָאס אַרַיין צוּ לֵייגְן גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט.

## דִי צְנִיעוּת'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן...

אוֹיךְ פַארְלַאנְג אִיךְ פוּן דִי לֶערֶערִינְס אַז מֶען מוּז קוּמֶען אָנְגֶעטוּן גוּט אוּן שֵׁיין, וַוייל אַז אִיר וֶועט רֶעדְן אַ דְרָשָׁה פוּן צְנִיעוּת, וֶועלְן דִי קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף אַייךְ, וִוי אַזוֹי 'צְנִיעוּת' קוּקְט אוֹיס, זָאלְן זֵיי זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַ דְרָשָׁה פוּן 'צְנִיעָות' אוֹיבּ מֶען וַוייזְט זֵיי נִישְׁט קֵיין בֵּיישְׁפִּיל דָאס שֵׁיינְקֵייט דֶערְפוּן.

אִיךְ פְּרוּבִּיר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ זָאגְן דֶעם וָוארְט 'צְנִיעוּת', בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, פַאר מַיינֶע טֶעכְטֶער, זָאג אִיךְ עֶס יָא, אָבֶּער אִין בֵּית פֵיגָא נוּץ אִיךְ נִישְׁט דֶעם וָוארְט, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידוֹת וָואס הָאבְּן דָאס שׁוֹין גֶעהֶערְט אוֹיף נִישְׁט אַ גוּטֶע וֶועג אוּן זֵיי וֶוערְן נֶערְוֶועז נָאר צוּ הֶערְן דֶעם וָוארְט, **"זָאג נִישְׁט דִי וָוארְט צְנִיעוּת, אִיךְ בִּין נִישְׁט פוּן דִי צְנִיעוּת'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן..."** זָאג אִיךְ: גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אֵיידְל, רַייךְ אוּן בַּא'טַעמְ'ט, אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ אִיז דָאס 'צְנִיעוּת'. לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אַז גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אִיז שֵׁיין.

גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, **"אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פָארִיגֶע וָואךְ!"** - גֶעבּ נָאכְאַמָאל. אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז דָא אָ וָוארְט: **"וֶוען דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס - רוּף זִיךְ אָן"**, (If You See Something, Say Something), אַז דוּ זֶעסְט אַ קִינְד גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט אוֹיף מִיט דֶעם גוּט וָוארְט.

## וָואס וֶועט בְּלַייבְּן?

דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם, מִיר וֶועלְן אַלֶע אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, מִיר וֶועלְן נִישְׁט דָא בְּלַייבְּן! עֶס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ הֶערְן, אִיךְ פְלֶעג עֶס אוֹיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אָבֶּער דָאס אִיז אַ פַאקְט, מֶען מוּז אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועלְן קוּמֶען אַנְדֶערֶע מְנַהֲלִים, אַנְדֶערֶע מְחַנְכִים, אַן אַנְדֶערֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ', אוּן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן? דִי זְכוּתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ קִינְדֶער, אוּן מִיר הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, **"דוּ קֶענְסְט יָא", "עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת", "מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן", "מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן".**

# בִּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען אַ יְשִׁיבָה מִיט בָּחוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי אַלֶע חִיזוּקִים, דָאס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶה אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער כֹּחַ וָואס אִיר הָאט פוּן הִימְל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע פְרַאגֶעס אִיבֶּער אַייעֶר יְשִׁיבָה, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ לֶערְן זִיךְ פוּן אַייךְ וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים.

אִיז דָא בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה תַּקָּנוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דֶעם? וָואס טוּט אִיר וֶוען אַ בָּחוּר פַאלְט אִין קְדוּשָּׁה, מַאכְט אִיר אַ שְׁוַוייג, אָדֶער אִיר וַוארְפְט אִים אַרוֹיס? דָאס וָואס מֶען זֶעט וִוי דִי בָּחוּרִים זִיצְן אַזוֹי שְׁטִיל אוּן הֶערְן אוֹיס מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, וִוי אַזוֹי מַאכְט אִיר דָאס?

בְּקִיצוּר, וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען בָּחוּרִים? יֶעדֶער פוּן דִי בָּחוּרִים הָאט דָאךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת, אֶפְשָׁר נֶעמְט אִיר לְכַתְּחִלָּה אַרַיין נָאר דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מְקַבֵּל צוּ פָאלְגְן אַלֶעס אִין יְשִׁיבָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם וּמִידוֹת טוֹבוֹת שׁוֹין פַאר אִיבֶּער פִיפְצְן יָאר; פִינְף יָאר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער פוּן דְרַייצְן יָאר, אוּן יֶעצְט וֶוערְט צֶען יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה - הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב".

יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וִויל קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה קֶען קוּמֶען לֶערְנֶען, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֵּחֲזִי וָואס טְרַייבְּט אַוֶועק תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף גֵּחֲזִי, אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, וַוייל עֶר פְלֶעגְט מְרַחֵק זַיין תַּלְמִידִים פוּן אֱלִישָׁע הַנָּבִיא (סַנְהֶדְרִין קז:).

אַשְׁרֶיךְ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךְ אַז אִיר נֶעמְט צוּזַאמֶען בָּחוּרִים אוּן אִיר זֶענְט זֵיי מְחַזֵק, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד. אַז מֶען הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז): "מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג", אֵיינֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוּת, דֶער קֶען זַיין אַ רֶבִּי, אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, "כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין חַס וְשָׁלוֹם בַּעֲווֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת", דֶער גְרֶעסְטֶער רַחֲמָנוּת אִיז, רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן עֲבֵירוֹת. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער רַחֲמָנוּת, "וְזֶהוּ עִקַּר הָרַחֲמָנוּת, לְרַחֵם עַל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ, לְהוֹצִיאָם מֵהַמַּשָּׂאוֹי הַכָּבֵד שֶׁל עֲווֹנוֹת". וֶוען מֶען נֶעמְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מֶען שַׁיינְט אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן פוּן זֵייעֶרֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דֶערְפַאר, אַז אִיר נֶעמְט צוּזַאמֶען בָּחוּרִים אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט, וָואס דַארְף מֶען טוּן וֶוען מֶען זֶעט אַ בָּחוּר פַאלְט בִּקְדוּשָּׁה; עֶרְשְׁטְנְס, וֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה טְרֶעפְט זִיךְ אַז אִין זַיין יְשִׁיבָה גֶעפוּנְט זִיךְ אַ קְרַאנְקֶער בָּחוּר וָואס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וְכוּ', דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר דִי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אוּן פוּן אַזַא בָּחוּר דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל פָּטוּר וֶוערְן. וֶוען אַ בָּחוּר טוּט עֲבֵירוֹת מִיט אַ חַבֶר וְכוּ', אַזַא אֵיינֶעם רוּפְט מֶען נִישְׁט מִיט אַן אֵיידֶעלֶע טִיטְל "פַאלְט בִּקְדוּשָּׁה", וַוייל אֵיינֶער וָואס טוּט מַעֲשֵׂי תּוֹעֵבָה אִיז אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס טָאר נִישְׁט זַיין צְוִוישְׁן קִינְדֶער אָדֶער בָּחוּרִים. בַּיי דֶעם אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ רַחֲמָנוּת, פַארְקֶערְט, דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער רַחֲמָנוּת, צוּ רַאטֶעוֶועון אַלֶע אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט אוּן נָאךְ וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן; מֶען דַארְף רֶעדְן אָפְן צוּ זֵיי, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי מִיט רְמָזִים, קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין רְמָזִים, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי אָפְן זֵיי זָאלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן מְנֻוָולִים, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז קֵיינֶער קֶען זֵיי נִישְׁט אָנְרִירְן וְכוּ', וֶועלְן זֵיי פַאלְן נָאכְדֶעם קָרְבָּנוֹת פַאר דִי קְרַאנְקֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירָה.

צְוֵוייטְנְס; דָאס וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער וְכוּ' אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע נִסְיוֹנוֹת אִין

פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, זֵיי דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אָן אַ שִׁיעוּר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט עֶר בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן עֶר גֵייט אַרוּם מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער צַעַר, זֵיי דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין.

מוֹהַרְא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים; מוֹהַרְא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן גוּזְמָאוֹת פוּן סְפָרִים פַאר בָּחוּרִים, זֵיי מְעוֹדֵד זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אוֹיף צוּ גֶעבְּן. מוֹהַרְא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי סְפָרִים: ״סֵפֶר אוֹצַר הַקְּדוּשָּׁה״, ״סֵפֶר קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל״, ״סֵפֶר שְׁמִירַת הַבְּרִית״; דָאס דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְלֶעבְּן.

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז זֵיי מְחַזֵּק זַיין בָּרַבִּים; דָאס הֵייסְט, אַז מֶען רֶעדְט אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה וְכוּ׳, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ אִיז עֶר זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

פְּרִיוַואט אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ פַּאטְשְׁקֶען אִין דִי עִנְיָנִים; עֶס אִיז אַ טָעוּת פוּן מְנַהֲלִים אַז זֵיי רֶעדְן פְּרִיוַואט וְכוּ׳. לֵיידֶער זֶענֶען דָא מְנֻוָּלִים וָואס זוּכְן צוּטְרִיט צוּ בָּחוּרִים, קוּמֶען זֵיי מִיט אַ שְׁלַייעֶר כְּאִילוּ זֵיי הֶעלְפְן דֶעם בָּחוּר, זֵיי מַאכְן אַ טַבְלָא (טְשַׁארְט) אוּן הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן מִיטְ׳ן בָּחוּר וִויפִיל מָאל עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען וְכוּ׳, וִויפִיל טֶעג עֶר אִיז רֵיין וְכוּ׳; דִי זֶענֶען גְרוֹיסֶע מְנֻוָּלִים. לֵיידֶער זֶענֶען בָּחוּרִים נִישְׁט צוּגֶעגְרֵייט אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע מַעֲשִׂים ה׳ יְרַחֵם.

נִישְׁט קַיין חִילּוּק צִי דָאס אִיז אַ מַשְׁגִּיחַ, אַ חַבְרוּתָא אָדֶער אַ מַגִּיד שִׁיעוּר וְכוּ׳, וֶוער עֶס קְרִיכְט אַרַיין אִין יֶענֶעמְס קִישְׁקֶעס אִיז אַ מְנֻוָּל, אִיךְ שְׁרַייבּ דָאס אָן מוֹרָא, וַוייל דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת.

נִישְׁט אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט מִיט בָּחוּרִים, אוּן נִישְׁט אַזוֹי גֶעוואוּנְט מֶען זֵייעֶר הַארְץ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ז): ״כְּשֶׁתְּחַזֵּק אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא יֹאהַב אוֹתְךָ״, וֶוען דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶועט עֶר דִיר לִיבּ הָאבְּן; דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ גֶעוואוּנֶען בָּחוּרִים, דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס בְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַ רֶבִּי מִיט תַּלְמִידִים.

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, זֵיי מֵיינֶען אַז מִיט דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן גֶעבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים זֵייעֶר קַאר צוּ דְרֵייוְון וְכוּ׳ אָדֶער מַתָּנוֹת, וֶועט דֶער בָּחוּר אִים לִיבּ הָאבְּן, עֶר וֶועט גֶעוִוינֶען צִיטְרוֹי צוּ אִים וְכוּ׳; אֶפְשָׁר אוֹיף דִי מִינוּט הָאסְטוּ אִים גֶעכַאפְּט וְכוּ׳, אָבֶער נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶועט דֶער בָּחוּר בִּכְלַל נִישְׁט אַרוֹיף קוּקְן אוֹיף דֶעם, עֶס וֶועט אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וָואס מַאכְט אַז אַ בָּחוּר זָאל אַרוֹיף קוּקְן זַיין מַשְׁגִּיחַ, מַגִּיד שִׁיעוּר, רֶבִּי, וְכַדּוֹמֶה, אִיז, אַז מֶען אִיז אִים מְחַזֵּק אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען רֶעדְט צוּ אִים פַּאזֶעטִיוו: ״דוּ קֶענְסְט יָא״, ״דוּ וֶועסְט עֶס בַּאוַוייזְן״.

אַז אִיר הָאט אַ יְשִׁיבָה דַארְפְט אִיר אַרַיין לֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ זִיסְן ׳דֶּרֶךְ הַלִּימוּד׳ – אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען, פַאר יוּנְג אוּן אַלְט, פַאר אַ גוּטֶע קָאפּ אָדֶער אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו). אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס דֶּרֶךְ הַלִּימוּד בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, קֶען יֶעדֶער לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, בְּלִי גּוּזְמָא.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז דִי בָּחוּרִים זִיצְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ, עֶס אִיז שְׁטִיל אוּן מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט וְכוּ׳; וִויסְן זָאלְט אִיר אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק א): ״דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה״; אוֹיבּ מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין מִיט תַּלְמִידִים דַארְף זַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז אַ שָׁאד יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אָדֶער בָּחוּרִים, דָאס אִיז קָדְמָה לַתּוֹרָה. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶּרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוען קֵיסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס פַאר אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל מִיט זֵיי לֶערְנֶען״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קלה)

## מַיין וַוייבּ אִיז דֶעפְּרֶעסְט צוּלִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים וָואס גְלִיטְשְׁן לֵיידֶער אַוֶועק, אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אָבֶער יֶעצְט קוּמְט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אַז מַיין וַוייבּ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע פוּן דֶעם אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט. אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז, מִיר זָאלְן פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייְלִיךְ מַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי פְרֵייְלִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵייְלִיךְ דַיין וַוייבּ; אַז מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, דַארְף מֶען פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין, אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן סה): ״כְּשֶׁאָדָם מְסַפֵּר לַחֲבֵרוֹ צַעֲרוֹ, צָרִיךְ הַשּׁוֹמֵעַ לְהַחְכִּים בִּשְׁעַת הַשְּׁמִיעָה, שֶׁלֹּא יָבוֹא עָלָיו הַצַּעַר הַזֶּה״, וֶוען מֶען הֶערְט וִוי אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַ צָרָה דַארְף מֶען זַיין קְלוּג, אוּן טְרַאכְטְן: ׳וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דֶער צָרָה זָאל נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף מִיר׳; דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס הָאט אִים פַּאסִירְט אַ צָרָה, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן: ׳וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל׳. וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן אַז אַ קִינְד אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג לֹא עָלֵינוּ, דַארְפְן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט מִיט פַאלְן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ, זִי זָאל וַוייטֶער זַיין אַ פְרֵייְלִיכֶע מַאמֶע, אוּן אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵייְלִיךְ וֶועט זִי דִיר מְחַזֵּק זַיין; דֶער עִיקָּר זַייט אַייךְ מְחַזֵּק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זָאלְט וַוייטֶער פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת מְחַנֵּךְ צוּ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵב.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת יא, ו): ״בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת זַרְעֶךָ, וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ, כִּי אֵינְךָ יוֹדֵעַ אֵי זֶה יִכְשָׁר – הֲזֶה אוֹ זֶה, וְאִם שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד טוֹבִים״; מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי אַרְבֶּעט פוּן יָארְן אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן. קוּק אָן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא וִוי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; עֶר הָאט גֶעהַאט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים, עֶר הָאט זִיךְ מִיט זֵיי גֶעמוּטְשֶׁעט. וֶוער עֶס הָאט תַּלְמִידִים וֵוייסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט תַּלְמִידִים, מֶען דַארְף הָאבְּן כּוֹחוֹת עֲצוּמִים, מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס וְכוּ׳, אוּן אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן. וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעטוּן? עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט נָאכְאַמָאל זַיין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִינְף תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי וֶועלְט.

וָואס הָאבְּן אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס גֶעטוּן וֶוען דֶער יִמַּח שְׁמוֹ׳נִיק הָאט אוֹיסְגֶע׳הַרְגֶ׳ט זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן, גַאנְצֶעטֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז בְּלוֹיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן (יִרְמְיָהוּ ג, יד): ״אֶחָד מֵעִיר, וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה״? זֵיי הָאבְּן

## המשך בִּנְיָן פוּן חִינוּךְ

### פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן פְרִישׁ אַ נֵייעֶם דוֹר. מַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, אַלֶע הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַיינְגֶעקְרִיצְט נוּמֶערְן אוֹיף זֵייעֶר הַאנְט, זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אִין אוֹישְׁוִויץ, זֵיי פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן וִוי זֵיי הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, דִי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע הֶעלְדְן זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט וִוי זַיינֶע קִינְדֶער פַאלְן אִים אַוֶועק אֵיינְס נָאכְ'ן צְוֵוייטְן, טָאר עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, עֶר דַארְף נָאכְמַאכְן רֶבִּי עֲקִיבָא, אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, דוּ וֶועסְט מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבְבָא.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קנ)

### בִּיז וִויפִיל מֶעג מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען צִיטֶערְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער? הֶערְנְדִיג אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אַהֲבָה וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט קֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעפַּאסְט אַז וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ מַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער צִיטֶער אִיךְ פוּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַ פַּחַד אַז זֵיי קֶענֶען אָפְּפָארְן אוּן מַמָּשׁ יֶעדֶעס וָוארְט דַארְף זַיין גֶעמָאסְטְן אוּן גֶעוואוֹיגְן, וַוייל זֵיי קֶענֶען מִיךְ גוּט צוּפִיקְסְן...

אִיךְ לֵייג בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶער דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ טוּ עֶס מֶער מֵחֲמַת פַּחַד. אוּן וֶוער רֶעדְט וֶוען אִיךְ זֶע אַז מַיין אִינְגְל אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט עֶפֶּעס וֶוער אִיךְ גָאר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ וַוייז עֶס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶער אִיךְ קְלֶער צוּ מִיר: 'רַחְמָנָא לִיצְלַן! אִיךְ לֵייג אֶפְשֶׁר נִישְׁט אַרַיין גֶענוּג לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אָפְּפָארְן אִין גֶעצֵיילְטֶע יָאר'.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז פַאר חוּצְפָּה טָאר מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוּן מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג. אִיז אָבֶער דִי שְׁאֵלָה: נָאר חוּצְפָּה? וָואס טוּט זִיךְ וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט מַשִּׂיג פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן אִים צוּ זָאגְן קְלָאר: "אִיךְ לָאז דִיר דָאס נִישְׁט טוּן אָן קַיין סִיבָּה! דוּ דַארְפְסְט מִיר פָאלְגְן"? בְּקִיצוּר, וָואס אִיז דִי גְבוּל וָואס מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן וֶוען מֶען דַארְף וִויסְן אַז חַס וְשָׁלוֹם צוּ פַּיינִיגְן וַוייל עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת – שֶׁלֹּא לְהִזָּהֵר"; דוּ זֶע אַרַיין צוּ לֵייגְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אִין דַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין מִיט דִיר וְכוּ'. זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, הֶער אוֹיס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט וְכוּ', זֶע אַז תּוֹרָה וּמִצְווֹת זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע זַאךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט קַיין וֵויינֶעדִיגֶע זַאךְ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן נָאכְגֶעבְּן קִינְדֶער וְכוּ'; נָאכְגֶעבְּן אַ קִינְד אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט אִיז נִישְׁט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקַייט פוּן עֶלְטֶערְן, אַ שְׁוַואכְקַייט פוּן נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן נֵיין. קִינְדֶער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אַלֶעס וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיטְ'ן לֶעבְּן, וַוייל נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען הָאבְּן אִין לֶעבְּן, אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען הָאט זֵיי נָאכְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'חָלוֹמְ'ט, זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דָאס לֶעבְּן.

דוּ מִישְׁט צוּזַאם הוֹדוּ מִיט כּוּשׁ; אַז אַ קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן אִים טוּן זַאכְן וָואס עֶר וִויל נִישְׁט, דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן; וואוּ קוּמְט אַרַיין מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ', פַארְקֶערְט, אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי וִוילְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט.

פַּיינִיגְן מֵיינְט וֶוען עֶלְטֶערְן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט אַ קִינְד אוּן מֶען רַייסְט אִים אוּנְטֶער; לְמָשָׁל, מֶען וִויל דֶער קִינְד זָאל אוֹיפְרוֹימֶען דִי שְׁטוּבּ, מֶען זֶעט אַז דֶער קִינְד דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן פָאלְגְן (אַזוֹי וִוי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער) טָאר מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען פֶּערְזֶענְלִיךְ: "דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן", "דוּ בִּיסְט אַ פוֹילֶער", וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. נָאךְ אַ מָשָׁל, אַז עֶלְטֶערְן וִוילְן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ', טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפּ רַייסְן דִי קִינְדֶער: "דוּ שְׁלָאךְ", "דוּ עֶקְלְדִיגֶע וְכוּ'" – דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. עֶלְטֶערְן וָואס טְשֶׁעפֶּען אוּן רַייסְן אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט נָאר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, נָאר זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן נֶערְוְון קְרַאנְקֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵוייטְן; מֶען טָאר נִישְׁט פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד: "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי דֶעם שָׁכֵנְ'ס קִינְד?" "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַזוֹי וִוי יֶענֶעם?" 'וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין וִוי יֶענֶעם? וַוייל אִיךְ בִּין אִיךְ, אוּן יֶענֶער אִיז יֶענֶער'. דָאס אַלֶעס הֵייסְט פַּיינִיגְן, אָבֶער פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער צוּ הֶעלְפְן וְכוּ', דָאס דַארְף מֶען טוּן אוּן דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִוין פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קנז)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 2-4-2-1**

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

**קוֹל בר־סלב**

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876